**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/29/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אנהייב פון די אירי קאנאל צווי הונדערטסטע יארטאג נאוויגירונג סעזאן מיט אינוועסטירונג און וויזיע פאר די קומעדיגע יארהונדערט פון אפעראציע**

***פארפליכטונג צו וואסערוועג פארזיכערט א בליענדע דעסטינאציע פאר פארוויילונג, טוריזעם, עקאנאמישע אנטוויקלונג, קאמערץ און קולטור***

***פינאנצירונג פארזיכערט פאר קריטישע קאנאל אינפראסטרוקטור***

***קאנאלזיין קאנצערטן מיט די אלבאני סימפאני ארקעסטרא און הונדערטע געמיינדע געשעהנישן צו ווערן געהאלטן דורכאויס די קאנאל קארידאר***

***צוזאמארבעט מיט ניו יארק סטעיט רעגירונג מיטארבעטער, WMHT-TV, באפעלא מעריטיים צענטער און לאקאלע קליינע ביזנעסער שטעלן צו קאנאל טעמע פראגראמירונג און פראדוקטן***

***אפיציעלע אירי קאנאל צווי הונדערטסטע יאר טאג פייערונג שילד פאראהאנען [דא]***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן ניו יארק סטעיט טוט ווייטער אינוועסטירן אין די ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם (New York State Canal system) דורך א 50 מיליאן דאלאר דעזיניגרונג אין די פיסקאלע יאר 2026 איינגעפירטע בודזשעט ווען די אירי קאנאל"ס צווי הונדערטסטע יארטאג נאוויגירונג סעזאן הייבט זיך אן די קאפיטאל פינאנצירונג פארזיכערט דורך די סטעיט, די צווייטע אין צווי יאר, בויט אויף די יערליכע אינוועסטירונג אין די וואסערוועג'ס הויפט אפעראציע און מעינטענענס דורך די ניו יארק קראפט אויטאריטעט (New York Power Authority) און ניו יארק סטעיט קאנאל אפעראציע (New York State Canal Corporation), און שטיצט די וויזיע פארגעלייגט דורך די קאנאל פארוויילונג קמיסיע (Canal Recreationway Commission) אין די לעצטנס פובליצירטע [קאנאל פארוויילונג 2050 פלאן (Canal Recreationway 2050 Plan)].

"גאווערנער DeWitt Clinton (דיוויט קלינטאן) קען זיין דער צו נעמען קרעדיט פארן ברענגן די קאנאל צום לעבן, אבער וואלט געוואלט נעמען קרעדיט פארן עס האלטן בליען 200 יאר שפעטער דורך צושטעלן אומפרעצעדענטירטע פינאנצירונג צו פארזיכערן די קאנאל סיסטעם בלייבט פארזיכערט, אפעריררבאר און א טרייבער פון טוריזעם און עקאנאמישע אקטיוויטעט," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "דורך שטיצן די קאנאל סיסטעמס'ס וויכטיגע אינפראסטרוקטור, טייל פון וועלכע ציילט צוריק צו די 19טע יאר הונדערט, אונז פארזיכערן אז די נעץ פון וואסערוועגן און שטעגן וועלן ווייטער שטיצן די וואס קומען דא צו פארוויילן און טוהן ביזנעס דא, און די מער ווי 200 אפסטעיט ניו יארק קאמיוניטיס וואס בליען אינערהאלב די קאנאל קארידארן".

די 50 מיליאן דאלאר דעזיגנירונג אין די פיסקאלע יאר 2026 איינגעפירטע בודשעט נעמט אריין פינאנצירונג צו שטיצן די איבערמאכן פון די 19טע יארהונדערט רעזעוואר דאמעס, א הויך-געפאר ערדענע דאם וועלכע האלט וואסער העכער א דערנעבענדיגע געמיינדע, און פארעלטערטע אייזענע טויערן און אנדערע וואסער קאנטראל סטרוקטורן לענגאויס די קאנאל סיסטעם וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו באשיצן אראפ די טייך לעבן און פערמעגן. די אינוועסטירונג אין די קאנאל"ס הויפט אינפראסטרוקטור פארזיכערט די וואסערוועג איז שטאנדהאפטיג, שטיצט די פארשידענארטיגע געברויכן פון די געמיינדעס עס פארט אריבער און טוט ווייטער זיין א טרייבער פון עקאנאמישע אנטוויקלונג ווען עס הייבט אן איר דריטע יארהונדערט פון אפעראציעס.

**ניו יארק קראפט אוטאריטעט בארד פון טראסטיס פארזיצער John Koelmel (דשאן קאעלמעל) האט געזאגט,** "אונז טוהן מאכן היסטארישע אינוועסטירונען אין די קאנאל סיסטעם צו פארזיכערן איר אינפראסטרוקור איז שטאנהאפטיג; איר פראגראמירונג איז אינאווירענד און איינעמענד און אז אלע אונזער באמיהונגען ערלויבן די וואסער וועג צו בלייבן אין אנגייענדע אפעראציע פאר די קומעדיגע צוויי הונדערט יאר. אונז ארבעטן צו האבן א קאנאל סיסטעם וועלכע איז א וויבראנטע, נאכהאלטיגע רעסארס פאר ניו יארקער און ווייטער."

**ניו יארק קראפט אוטאריטעט פרעזידענט און CEO Justin E. Driscoll (דשאסטין א. דריסקראל) האט געזאגט,** "אונז זענען פארפליכטעט צו טראנספארמירן די אירי קאנאל צו א מאדעל פון נאכהאלטיגע אינפראסטרוקטור וועלכע באעהרט איר רייכע היסטאריע און פארזיכערט איר פלאץ אין א בליענדע, שטאנדהאפטיגע און אריינגעמענדיגע צוקונפט פאר איר קומעדיגע צוויי הונדערט יאר פון באנוץ."

2025 צייכנט אפ די 201סטע נאכאנאנדיגע סעזאן פון נאוויגירונג לענגאויס די קאנאל סיסטעם און די צוויי הונדערטסטע יארטאג פון די עפענונג פון די אריגענעלע אירי קאנאל אויף אקטאבער 26, 1825. געשטיצט דורך די אירי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע ( Erie Canal Bicentennial Commission), די קאנאל קארידאר פון אלבעני ביז באפעלא וועט ווירבלען מיט געשעהנישן די יאר פון קאנצערטן ביז פעסטיוואלן ביז טעאטער פארשטעלונגען און נאך. ווען געמיינדעס און ארגענעזאציעס קומען זיך צאם צו פייערן די מיילשטיין, אינפארמאציע אויף אלע די געשעהנישן קענען מען טרעפן אויף אן אינטעראקטיווע קאלענדער געהאלטן דורך די אירי קאנאל נאציאנאלע העריטעדש קארידאר. די לינק צו די קאלענדער קען מען טרעפן [דא](#).

**אירי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע קא-פארזיצער און ערשטע מאן William J. Hochul Jr. (וויליעם דש. האקול דשוניער) האט געזאגט,** "איך האב פארברענגט אומצאליגע שעות דורכרייזען די ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם, און הנאה געהאט פון יעדער מינוט. עס איז געווען א גרויסע עהרע צו ארבעטן אויף פייערונג אקטיוויטעטן וועלכע פייערן די באצייכענבארער היסטאריע פון די קאנאלן, ווען אויך אנגרייטן די וועג פאר איר צוקונפט. ווען אונז הייבן אן די 2025 נאוויגירונג סעזאן, איך קען נישט ווארטן צו זעהן אונזער באמיהונגען, וועלכע זענען געווען פולע חדשים פון ארבעט, קומען צום לעבן איבער די פולע שטעט און טאונס וועלכע טיילן מיט צוטריט צו די קאנאלן."

**ניו יארק סטעיט קאנאל קארפאראציע דירעקטאר און אירי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג קאמיסיע קא-פארזיצער Brian U. Stratton (בריען יו. סטראטאן) האט געזאגט,** "אונז האבן געארבעט שווער זייט 2017, די אנהייב פון די צוויי הונדערטעסטע יארטאג צייט אפשניט, צו פארזיכערן אונז באהערן די געשעהניש ווי עס פאסט. אונזער באמיהונגען זענען געלאפן פון געשעהניש שטיצע ביז שאפן א בליענדע בלויפרינט פון די קומעדיגע 25 יאר פון קאנאל אפעראציעס צו לייגן איבערמידליכע כוחות צו פארזיכערן אונזער אינפראסטרוקטור איז אין גוטע, פארזיכערטע ארבעטס ארדענונג. די ענד

ציל איז א בליענדע אירי קאנאל וועלכע איז אפען פאר אדורך-נאוויגירונג, פאר אלע פון די געמיינדעס עס פארט אריבער, און פאר אלע מענטשן וועלכע קומען פארוויילן דא."

די יולי, די צוויי מאליגע GRAMMY אויסצייכענונג-געווינער אלבאני סימפאני, אין צוזאמארבעט מיט די ניו יארק קראפט אויטאריטעט און די ניו יארק סטעיט קאנאל קארפאראציע, וועלן פארשטעלן אן אומזיסטע פינעף-טייל קאנצערט סעריע לענגאויס די קאנאל סיסטעם. די מוזיקאלישע איבערלעבעניש, גערופן "וואסער מוזיק NY" (Water Music NY), וועט ווערן צוגעשטעלט אין מעדינא, סענעקא פאלס, יוטיקא, פארט פלעין און שולערוויל מיט יעדער קאנצערט קאמפאזירט ספעציפיש פאר די גאסטגעבער קאנאלזייט געמיינדעס. די מוזיק סעריע וועט אדורך טוהן טעמעס פון נאטור, די ענוויראמענט און היינטיגע געמיינדעס אויף די אירי קאנאל; די עסן און געשיכטעס פון מענטשן פון ארום די וועלט וועלכע רופן יעצט יוטיקא, א פרעמיער אירי קאנאל געמיינדע היים; מוזיק וועלכע באערהט די פול-שיכטיגע געשיכטעס פון פרויען אויף די וואסערוועגן; אינדידשעניעס העריטעדש און די איבערלעבעניש פון פארשלאפטע מענטשן וועלכע האבן געקעמפט פאר פרייהייט אויף די אינטערערדישע באן. די היי יעריגע קאנצערט בויט אויף די "וואסער מוזיק NY: מער שטימעס" (Water Music NY: More Voices) פראגראם צוגעשטעלט פאריאר וועלכע האט פאקוסירט אויף אדורך טוהן אומרעפריזענטירטע שטימעס, אריינגערעכנט די פון פרויען, אימיגראנטען, מענטשן פון קאליר און אינדידשעניעס פעלקער.

**אלבאני סימפאני (Albany Symphony) מוזיק דירעקטאר David Alan Miller (דעוויד עלען מילער) האט געזאגט,** "ווען די אירי קאנאל קומט נאנט צו איר דריטע יאר הונדערט פון אפעראציע, אונז זענען אזוי פריילעך זיך ארויסצולאזן אויף א גראנדיוזע נייע אוואנטור מיט אונזער געוואלדיגע מיטארבעטער ביי די ניו יארק סטעיט קאנאל קארפאראציע. אין ווארטונג פאר די אירי קאנאל'ס מאמענטפולע צוויי הונדערטסטע יארטאג סעזאן, אונז האבן באשעפטיגט פינעף פריליאנטע קאמפאזירער וועלכע האבן זיך אריינגעלייגט אין פינעף הערליכע קאנאלזייט געמיינדעס און האבן געשאפן וויזיאנירענדע נייע שטיקלעך פאר אונזער ארקעסטרא און געמיינדע מיטארבעטער וועלכע טוהן אדורך די וויבראנטע היסטאריע פון אונזער גרעיט סטעיט. אונז קענען נישט ווארטן צו פייערן צוזאמען מיט טויזענטע איינוואוינער און באזוכער ביי אומזיסטע טאגלאנגיגע פעסטיוואלן וועלכע נעמען אריין געשמאקער עסן, פאן אינדערויסנדיגע אקטיוויטעטן,היסטארישע עקספלאראציע און פאמיליע פריינטליכע קונסט, און עס ענדיגן מיט געוואלדיגע ארקעסטרא קאנצערטן מיט די בליצעדיגע נייע שטיקלעך. עס איז אונזער וואונטש אז אונזער מוזיק וועט אנצינדען דיאלאג, פארברייטערן פערספעקטיוון און אינספירירן יעדראיינער צו מיטלעבן און שעצן די הערליכע קאנאל סיסטעם וועלכע פלוסט דורך אונזער סטעיט און איז אזוי שטארק א טייל פון ניו יארק סטעיט'ס אמאל, היינט און צוקונפט."

אין סעפטעמבער, די [2025 וועלט קאנאל קאנפערענס (World Canals Conference)]() וועט פארקומען אין באפעלא אלץ טייל פון די צוויי הונדערטסטע יארטאג פייערונג. די יערליכע געשעהעניש, געהאלטן אין לאקאציעס ארום די וועלט, טוט צוזאמען ברענגען קאנאל און אינלאנד וואסער ברעג ענטוזיאוסטן, פראפעסיאנאלן און שולער זיך צו לערנען איבער א רייע פון קאנאל-פארבינדענע טעמעס. די ניו יארק קראפט אוטאריטעט, ניו יארק סטעיט קאנאל קארפאראציע און די אירי קאנאלוועג נאציאנאלע העריטעדש קארידאר, אין צוזאמארבעט מיט די אירי קאנאל פארט אנטוויקלונג קארפאראציע ( Erie Canal Harbor Development Corporation) און באזוך באפעלא ניאגרא, זענען די געמיינזאמע ספאנסארס היי יאר און טוהן קאארדינירן אלע אספעקטן פון די קאנפערענס.

ווען די וועלט קאנאלס קאנפערענס ענדיגט זיך, די *Seneca Chief*, א רעפליק פון די אריגינעלע אירי קאנאל שיף ניו יארק סטעיט גאווערנער DeWitt Clinton (דיוויט קלינטאן) האט געטרייזעט פון באפעלא ביז ניו יארק הארבאר אין 1825, וועט אנהייבן איר רייזע צו נאכמאכן די ערשטמאליגע רייזע. די *Seneca Chief* איז געפלאנט צו אנקומען אי ניו יארק הארבאר אויף אקטאבער 26, די אפיציעלע יארטאג פון די פארענדיגונג פון די קאנאל. געשאפן און געבויט דורך די [באפעלא מעריטיים צענטער]()

(Buffalo Maritime Center), די פראיעקט איז געווארן אויסגעלויבט אלץ איינס פון די גרעסטע געמיינדע-באזירטע שיף בויערייי באמיהונגען אין די וועלט. די *Seneca Chief* וועט זיך אפשטעלן אין געמיינדעס איבער די אירי קאנאל און האדסאן טייך, מיט פייערונג געשעהנישן ביי יעדער סטאפ.

צו פארזיכערן א מער פארענדיגטע נאראטיוו אויף די אירי קאנאל'ס היסטאריע און איר אנגייענדע לעגאסי ווערט דערציילט די צוויי הונדערטסטע יארטאג יאר, די ניו יארק קרפאט אוטאריטעט, ניו יארק סטעיט קאנאל קארפאראציע, מולטי-מידיע איניציאטיוו, גערופן [געדאנקען אויף די אירי קאנאל ( Reflections on the Erie Canal)](#) וועלכע האט זיך אנגעהויבן דעם פרילינג מיט די אפשפילונג פון א 10-טייל וועכענטליכע דאקומענטרי סעריע. די סעריע וועט זיך ענדיגען מיט א שעה לאנגיגע אריגינעלע קאקומענטארי, צו פרעמירן די סעפטעמבער ביי די וועלט קאנאלן קאנפערענס אין באפעלא. אין צוגאב צו די דאקומענטרי סעריע, נייע קאנטענט איז געמאכט געווארן פאר קלאסצימערן איבער ניו יארק.

צום לעצט, אין בעהערונג פון די אירי קאנאל'ס צוויי הונדערטסטע יארטאג, די ניו יארק סטעיט קאנאל קארפאראציע האט אויפגענומען ארטיסט דאקטאר Tyler Nordgren (טיילער נארדגרען) צו שאפן א שילד וועלכע כאפט אויף 200 הונדערט יארר פון די אויסגעצייכנטע וואסערוועג, און איר צוקונפט. די בילד קען געטראפן ווערן [דא](#). אינפארמאציע איבער ווי אזוי צו באקומען קאפיס פון די פולע-מאס שילד וועט ווערן פובליצירט פאר די פובליק אין די קומעדיגע וואכן.

אין צוגאב צו די אויבן דערמאנטע באמיהונגען, אפאר ניו יארק סטעיט אגענטורן און ביזנעסער שטעלן צו אירי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג טעמע פראדוקטןף ארייגערעכנט:

- **ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles)** - [אירי קאנאל צוויי הונדערטסטע יארטאג לייסענס פלעיט ( Erie Canal Bicentennial License Plate)](#)
- **ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services)** - אן אירי קאנאל טעמע בילד אויסשטעלונג ביי די עמפייר סטעיט פלאזא אין אלבאני
- **ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס ( Department of Agriculture and Markets)** - אירי קאנאל טעמע אויסשטעלונגען ביי די 2025 גרעיט ניו יארק סטעיט פעיר
- **ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון די לאטערי (New York State Division of the Lottery)** - פלענער זענען אויפן וועג פאר עפעס ספיציעל, צו ווערן געמאלדן דעם זומער
- **סאראטאגא ספרינגס באזירטע סטאווארט'ס געשעפטן** - "געמינט אין 1825" אייס קריעם פארהאנען ביי אנטיילנעמענדע לאקאציעס דורכאויס די קאפיטאל ראיאן, מאוהאק וועלי און סיראקיוז געגענט
- **באפעלא באזירטע ביג דיטש ברענעריי קאמפעני (Big Ditch Brewing Company)** - אן אירי קאנאל טעמע ביר וועט זיין פארהאנען באלד ביי אויסגעוועלטע לאקאציעס אין מערב NY וואו ביג דיטש ווערט פארקויפט

**ניו יארק סטעיט סעקרעטאר פון סטעיט Walter T. Mosley (וואלטער ט. מאסלי) האט געזאגט,** "דורכאויס איר היסטאריע, די אירי קאנאל האט אויפגעטריבן און געוואקסן קאנאל-באזירטע שטעט, און געפענט אונזער סטעיט און פאלק צו ענדלאזע עקאנאמישע מעגליכקייטן. ווען אונז צייכענען אפ די 201סטע נאכנאנדע נאוויגירונג סעזאן פון די אירי קאנאל און גרייטן זיך פאר צוויי הונדערטסטע יארטאג פייערונג וועלכע קומען דעם הערבסט, איך בין פרייליך צו זעהן ווי אזוי אונזער קאנאל געמיינדעס וועלן ווייטער נוצן זייער אייגענארטיגע העריטעדש אלץ א שטופ פאר צוקונפטיגע וואקס און ווידעראנטוויקלונג."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development) פרעזידענט, CEO און קאמישינאר Hope Knight (האופ נייט) האט געזאגט,** "צוויי הונדערט יאר נאך איר עפענונג, די אירי קאנאל איז נאכאלץ א טרייבער פון טוריזעם און עקאנאמישע אנטוויקלונג. ווען אונז פייערן די צוויי הונדערטסטע יארטאג דעם זומער, עס זענען די פולע געלעגנהייטן פאר באזוכער צו לערנען איבער די קאנאל, צו דורך שפירן די ציענדע "וואסערוועג פון טויש" אויסשטעלונג ביי קאנאלסייד אין באפעלא, נאכפאלגענדיג די *Seneca Chief*'ס רייזע איבער ניו יארק סטעיט אדער אויסהערן געמיינדע קאנצערטן אויסגעשטעלט צו היסטארישע אינספירירטע סקארס. א דאנק גאווערנער Hochul (האקול) און די אינוועסטירונגען אין די אירי קאנאל'ס אינפראסטרוקטור, די איקאנישע וואסערוועג וועט ווערן געפייערט פאר די קומעדיגע 200 יאר."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג ( Office of Parks, Recreation, and Historic Preservation) פרא טעם Randy Simons (רענדי סימאנס) האט געזאגט,** "ווען אונז פייערן די צוויי הונדערטסטע יארטאג פון די אירי קאנאל, אונז באהערן א לעגאסי וועלכע האט טראנספארמירט ניו יארק און די פאלק. אדורך טוהן די קאנאל שטעלט פאר אן אייגנארטיגע רייזע איבער אמעריקא'ס פריע היסטאריע און אינאוואציע וועלן די קאנאל טוט ווייטער פארבינדען מענטשן דורך איר סענישע וועגן, וויבראנטע וואסערוועגן און היסטארישע דערפעלער. די 200סטע יארטאג דינט אלץ א דערמאנאונג פון אנגייענדע ווירד פון אפהיטן אונזער העריטעדש ווען ארומנעמען די פארוויילונג, קולטורישע און היסטארישע דעסטינאציע די קאנאל שטעלט צו פאר צוקונפטיגע גענעראציעס צו קומען."

**ניו יארק סטעיט היסטאריקער Devin Lander (דעווין לאנדער) האט געזאגט,** "די אויפבוי פון די אירי קאנאל איז געווען א קאמפלעצירטע און מאמענטפולע אינטערנעמונג. עס האט אריינגענומען טויזענטער ארבעטער און צענדליגע ענדשעניירן און האט רעזולטירט אין א פובליק ארבעט פראיעקט מער פון סיי וואס די פאלק האט געזעהן יענער צייט. עס האט געפענט ניו יארק סטעיט צו די מערב און געפענט די מערב צו אמעריקא. ווען עס איז אלעס געזאגט און געטוהן , עס קען ווערן געזאגט אז די עמפייר סטעיט איז געבוירן געווארן אויף די רוקן פון א קאנאל שיף."

**אירי קאנאל נאציאנאלע העריטעדש קארידאר עקזעקעטיווע דירעקטאר Bob Radliff (באב רעדליף) האט געזאגט,** "די אירי קאנאל האט טראנספארמירט ניו יארק סטעיט און האט געהאט א טיפע ווירקונג אויף די פאלק. אונז האפן אז די גליקליכע יארטאג יאר ליידענט יעדעם צו אדורך טוהן ניו יארק'ס אויסערגעווענליכע קאנאל העריטעדש און הנאה האבן פון אלעס וואס די וואסער וועג האט צו פארקויפן היינט."

**סטעיט סענאטאר Jeremy Cooney (דשערעמי קאוני) האט געזאגט,** "200 יאר אויף די אירי קאנאל! די צוויי הונדערטסטע יארטאג פייערונג איז א געלעגענהייט צו אריינטראכטן אויף די היסטאריע פון די קאנאל, די ראלע עס האט געשפילט אין די אויפבוי פון אונזער געמיינדע, און די ווירקונג עס האט נאכאלץ יעדן טאג אויף טוריזעם און נאוויגירונג. איך וויל דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו פראמאטירן די קאנאל'ס היסטאריע און פארוויילונג דורכאויס קאנאל געמיינדעס."

**אסעמבלימעמבער Bill Magnarelli (ביל מאגנערעלי) האט געזאגט,** "די אירי קאנאל איז אן איקאנישע היסטארישע באשטיינדעל פון די גאנצע צענטראלע ניו יארק ראיאן. די גאווערנער'ס אינוועסטירונג אין די אירי קאנאל וועט איר העלפן ווייטער זיין א פאקטאר אין אונזער סטעיט'ס טוריזעם, עקאנאמישע אנטוויקלונג און צוקונפטיגע היסטאריע."

די ניו יארק סטעיט קאנאל סיסטעם וועט אפערירן טעגליך די נאוויגירונג סעזאן ביז מאנטאג, נאוועמבער 3, 2025.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן